**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט אנהייב פון 32.4 מיליאן דאלער ראודוועי פאררעכטונג פראיעקט דורכאויס אינטערסטעיט 287 אין וועסטשעסטער קאונטי

***נייע אויספלאסטערונג, סטריפינג און דשוינט פאריכטונג וועט פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט און פארלייכטערן רייזעס לענגאויס גרויסע דורכפאר וועגן***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון א 32.4 מיליאן דאלאר פראיעקט וואס וועט איבערַאויספלאסטערן און צוריקשטעלן א 5.5 מייל לענג פון אינטערסטעיט 287 אין וועסטשעסטער קאונטי, פארבעסערנדיג ווידערשטאנדהאפטיגקייט און דורכפארמעגליכקייט לענגאויס איינס פון די פארנומענסטע דורכפאר וועגן אין די הודסאן וועלי. די פראיעקט וועט פאררעכטן ראוד פארבינדונגען, צולייגן נייע פלאסטערונג און אפגרעידן ראוד סטריפינג לענגאויס די טייל פון הייוועי - וועלכע איז אויך באוואוסט אלס די קראס וועסטשעסטער עקספרעסוועי - צווישן וועסטשעסטער עווענ‍יו אין די טאון און העריסאן און יו.עס. רוט 1 אין די סיטי און ריי. צו פארמינערן טרעפיק ווירקונגען לענגאויס די קריטישע הייוועי, וועלכע איז א וויכטיגע פארבינדונג פאר רייזנדער וואס פארן צווישן די גאוו. מאריא מ. קאומא בריק און די סטעיט און קאנעקטיקוט, וועלן אלע ארבעט פארקומען ביינאכט.

"אינוועסטירונגען אין גאסן און בריקן זענען אינוועסטירונגען אין די געזונג און עקאנאמישע וואוילזיין פון אונזער סטעיט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די איבערפלאסטערונג פראיעקט לענגאויס די קראס וועסטשעסטער עקספרעסוועי וועט צושטעלן לייכטערע רייזעס צו די צענדליכע טויזנטער רייזנדער וואס נוצן די הייוועי יעדן טאג און פארבעסערן די דויערהאפטיגקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון איינס פון אונזער וויכטיגסטע וועגן פאר די פלוס פון סחורה און האנדל."

ארבעט איוף די פראיעקט פאנגט זיך אן די זומער מיט די פאררעכטונג פון הייוועי ראוד פארבינדונגען. ראוד איבערפלאסטערונג וועט זיך אנפאנגען אזוי שנעל ווי וועטער ערלויבעניש אין 2025 מיט די מאלן פון די עקזיסטירנדע אויספלאסטערונג לענגאויס די הייוועי און אלע אויסגאנג און איינטריט רעמפס אין די פראיעקט פארנעם. פייבער פארשטערקטע, ווארעם-אויסגעמישטע אספאלט וועט דאן ווערן איבערגעלייגט אויף די ראודוועי. די פארשטערקערטע אספאלט איבערלייגונג איז לענגער-אנהאלטנד און מער דויערהאפטיג ווי די עקזיסטירנדע פלאסטערונג, וועלכע וועט פארמינערן שפאלטונג און פארלענגערן די פלאסטערונג'ס סערוויס לעבן. אפלויף סיסטעמען וועלן אויך פאררעכטן ווערן צו קענען בעסער אויסהאלטן שטורעם-וואסער אפלויף און  צייכענונגען איוף די שאסיי וועלן געמאכט ווערן דורך שפאלטנס אנגעפילט מיט צוריקשיינענדע איפאַקסי פארב צו פארמערן די זעהבארקייט פון פלאסטערונג צייכענונגען דורכאויס שטורעמס, ווייטער פארבעסערנדיג זיכערקייט. טרעפיק סיגנאלן און קורב רעמפס ביי דערנעבנדיגע אויסגענג און ארייגענג וועלן אויך ווערן פארבעסערט. די פראיעקט איז ערוואַרטעט פארענדיגט צו ווערן אינדי  הערבסט פון 2025.

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט מאכט ניו יארק סטעיט היסטארישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור וואס וועט האלטן אונזערע געמיינדעס פארבינדן און אונזער עקאנאמיע וואקסנד. מיט די אנפאנג פון יד פראיעקט צו פארבעסערן אינטערסטעיט 287, קענען רייזנדער אין וועסטשעסטער קאונטי ארויסקוקן צו לייכטערע רייזעס און מער פארזיכערטע וועגן ווען זיי גייען זיך אום מיט זייער טעגליכע רייזעס - אלעס וואס געבט צו א בעסערע קוואליטעט פון לעבן און מאכן די הודסאן וועלי א נאך בעסערע פלאץ צו ארבעטן אדער באזוכן."

**סענאט מעידשאריטי לידער טשארלס שומער האט געזאגט,** "יעדן טאג, נוצן טויזנטער מענטשן די קראס וועסטשעסטער עקספרעסוועי אנצוקומען אין שולע, ארבעט, דאקטאר'ס אפוינטמענטס און נאך, אבער די הייוועי נויטיגט זיך אין פארריכטונגען אזוי אז עס זאל קענען ווייטער סערווירן וועסטשעסטער פאר קומענדיגע יארן. יעצט, כאפן שאוולעך אן די ערד אז מיר זאלן קענען באשיצן די קריטישע הייוועי און פירן אונזערע געמיינדעס צו א מער פארזיכערטע און מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט. דורך פארעכטן ראוד פארבינדונגען, לייגן נייע פלאסטערונג, און אפגרעידן ראוד סטריפינג, בויען מיר די פונדאמענט פון א מער שטאנדהאפטיגע וועסטשעסטער און איך ידזעלבע צייט שאפן גוט-צאלנדע ארבעט. איך האב לאנג געקעמפט פאר אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור און איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער האקול'ס ארבעט צו פארזיכערן די זיכערקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון די הודסאן וועלי."

**סטעיט סענאטאר שעלי מעיאר האט געזאגט,** "איך בין צופרידן אז בויארבעט און איבערפלאסטערונג לענגאויס א וויכטיגע טייל פון I-287 אין וועסטשעסטער האט זיך אנגעפאנגען. איבער די יארן, האב איך געהערט פון אומצאליגע רייזנדער איבער די אומזיכערע צושטאנדן פון די ראודוועי און ווי שווער עס איז צו פארן דעראויף אן זיך בייגן אויסצוקרויזן גרובער. אלס איינס פון די ראיאן'ס פארנומענסטע ראודוועיס, מיט פילע וואס פארלאזן זיך דעראויף אנצוקומען צו די ארבט און זען פאמיליע, מוז עס זיין פארזיכערט און פארלעסליך די גרויסע פארבעסערונג וועט שטארק העלפן רייזנדער, און איך דאנק גאווארנער האקול און די DOT פאר זייער וואכזאמקייט צו פארבעסערן וועגן אין אונזער לאנד."

**אסעמבלימעמבער סטיווען אטיס האט געזאגט,** "דאס איז א וויכטיגע טייל פון I-287 דעקונג וואו די קראס וועסטשעסטער עקספרעסוועג טרעפט זיך מיט I-95. ראודוועי צוריקשטעלונג און פארמערטע ליניע זעהבארקייט דורכאויס שטורעמס זענען געצילט צו אנהאלטן טרעפיק פלוס און פארמיידן אפהאלטונגען. דערצו, האט NYS DOT א טרעק רעקארד פון אויסשטעלן פראיעקטן צו האלטן טרעפיק זיך רוקן דורכאויס ארבעט און פארענדיגן ארבעט אין יעדע טייל ווי שנעל מעגליך. ראודוועי אינפראסטרוקטור פראיעקטן זענען וויכטיג צו אנהאלטן אונזער ראוד און בריק סיסטעם. דאנקען גייט צו NYS DOT און גאווארנער האקול פאר זייער אנגייענדיגע פארפליכטיגונג צו טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און ארבעטן מיט אונזערע געמיינדעס אויף די פראיעקט."

**אסעמבלימעמבער קריס בורדיק האט געזאגט,** "מיר זענען זייער דאנקבאר צו גאווארנער האקול און די אפטיילונג פון טראנספארטאציע פארן אינוועסטירן אין אינטערסטעיט 287. אונזער אינפראסטרוקטור איז וויכטיג צו אונזערע געמיינדעס און די פראיעקט איז שטארק נויטיג. איך האף צו זען מער פון די פראיעקטן פאר וועסטשעסטער קאונטי אין די קומענדיגע יארן ווייל אונזערע איינוואוינער און אונזערע ביזנעסער פארלאזן זיך אזוי פיל אויף אונזער אינטערסטעיטס און לאקאלע ראודס דא אין די סובאורבס."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאדימער האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווארנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט און וויזיע פארדע 5.5-מייל טייל פון אינטערסטעיט 287, א שטארקע דורכפאר אין וועסטשעסטער קאונטי. די 32.4 מיליאן ראודוועי צוריקשטעלונג וועט צושטעלן מער דויערהאפטיגע אויספלאסטערונג און פארבעסערטע אפלויף סיסטעמען צו קענען בעסער אויסהאלטן וועטער-פארבינדענע שטורעמס, און צום לעצט פארלענגערן די לעבן פון די אינטערסטעיט

ווייט אין די צוקונפט. סיי איינוואוינער און באזוכער צו וועסטשעסטער וועלן שטארק בענעפיטירן פון די פארענדיגונג פון די פראיעקט אין די הערבסט פון 2025."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באריייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס; פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן